**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט פארענדיגונג פון 14 מיליאן דאלארדיגע פארפלייצונג באפעסטיגונג פראיעקט אין ניופעין טאַון, ניאגארא קאונטי**

***ענדערונגען וועלן אינסטאלירט ווערן אין די שטיינער וועלכע ברעכן די כוואליעס און אויף די האפן בריק כדי צו פארמינערן שאדנס פון עקסטרעמע וועטערס אויף אָלקאָט האַרבאָר האפן קאנאל פאר שיפלעך און צו פארמערן זיכערהייט פון פישכאפער***

***פראיעקט אויסגעוועהלט אלץ טייל פון סטעיט'ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 14 מיליאן דאלארדיגע באפעסטיגונג פראיעקט, וועלכע איז אויסגעצאלט געווארן פאר ניופעין טאַון, ניאגארא קאונטי, דורך די סטעיט'ס [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI)](). אלקאט האַרבאָר איז א וויכטיגע פארוויילונגס האפן וואס געפינט זיך אויפ'ן דרום ברעג פון Lake Ontario. דאס פארט געגנט רעכנט אריין די Town of Newfane Marina, Olcott Yacht Club, Hedley Boat Company, McDonough Marine, און עטליכע פריוואטע הייזער. אין 2017, איז די האפן אריינגאנג חרוב געווארן דורך פארפלייצונג, ווינט-געטריבענע כוואליעס, און סעדימענט זאמד אין די קאנאלן ווי די שיפלעך פארן אריין און ארויס פון די האפן. הויכע וואסער שטאפלען, שווערע כוואליעס, און נייע סעדימענט זאמד אין די קאנאל האט פארמיטן דאס זיכערע אריבערפארן פון גרויסע שיפן און קליינע פארוויילונג שיפלעך.

"קלימאט טויש איז רעאליטעט וואס מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו איגנארירן, און ניו יארק באקעמפט די שוועריגקייטן אנטשלאסענערהייט. אלץ טייל פון די באמיאונגען, ארבעטן מיר צוריק צו בויען, פונדאסניי אויספלאנירן און באשיצן די קאמיוניטיס אויף די ברעגעס וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די הויכע וואסער שטאפלען פון 2019", **האט גאווערנאר קעטי האוקאל געזאגט.** "מיט סטראטעגישע אינפראסטראקטור אינוועסטירונגען, און דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, זעהען מיר לאנג-ערווארטעטע פארפלייצונג פארגרינגערונג פראיעקטן – ווי די פראיעקט אויף די כוואליע-ברעכנדע שטיינער אין ניופעין טאַון – ווערנדיג אויסגעפירט. די פארענדיגטע פראיעקט איז אן עדות צו די גרויסע זאכן וואס קענען אויפגעטוהן ווערן ווען סטעיט און לאקאלע רעגירונגען ארבעטן צוזאמען."

דורך די צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט און געשטיצט מיט REDI אינוועסטירונגען, איז ניופעין טאַון ערמעגליכט געווארן צו ערגרייכן די ברעגע כוואליע-ברעכער קאנסטרוקציע פראיעקט און באדייטנד איבערמאכן די מזרח און מערב האפן בריקן, פארמינערנדיג די פאטענציאלע שאדן פון עקסטרעמע וועטער אומשטענדן אויף די אריינגאנג צו די האפן, באשיצנדיג דערביי שיפלער, לאקאלע ביזנעסער און פובליק/פריוואטע שטחים וועלכע שפילן א קריטישע ראלע אין די לאקאלע עקאנאמיע וואס שטייט אויף פארוויילונג/ספארט פישעריי. אין צוגאב דערצו, וויבאלד די אָלקאָט האפן בריקן און די מויל פון עיטין-מייל קריק (18-מייל וואסער שטרום) זענען צווישן ניו יארק סטעיט'ס מערסט פאפולערע פלעצער פאר

ספארט פישעריי פאר פילע פישכאפער וועלכע קומען אן שיפלעך, זענען די ענדערונגען צו די בריקן ספעציעל אויסגעשטעלט אז עס זאל פארמערן די זיכערהייט פון די פישכאפער און צוציהען פיש.

באפעסטיגונג מאסנאמען וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן אלץ טייל פונעם פראיעקט רעכענען אריין דאס אינסטאלירן א רונדעכיגע שטיינער בערגל צו ברעכן די כוואליעס בערך 350 פיס לאנג, און די פארגרעסערונג פון די מזרח און מערב האפן בריקן צו רעדוצירן שאדן פון כוואליעס און סעדימענט זאמד ביי די אריינגאנג צו – און אינעווייניג אין די אָלקאָט האַרבאר האפן שיפלעך קאנאל, פארמיידנדיג פארפלייצונגען און שאדן צו די ברעגע, און אזוי אויך מאכנדיג דאס אריבערפארן דארט גרינגער פאר לענגערע תקופות דורכאויס די יאר.

גאווערנאר האוקאל האט אויך אנאנסירט היינט אז וואסער רייניגונג פון די אלקאט האַרבּאָר וועט אונטערגענומען ווערן אין נאוועמבער אלץ טייל פון די סטעיט'ס 15 מיליאן דאלארדיגע REDI ראיאנישע וואסער רייניגונג פראיעקט. די וואסער רייניגונג – וועלכע וועט פארקומען טיפער אריין אין די וואסער פון די ניופעין טאַון כוואליע-ברעכער פראיעקט – וועט ארויסנעמען אנגעזאמלטע סעדימענט זאמד פון די באדן אונטער די וואסער צו ערלויבן זיכערע צוטריט און אריבערגאנג דורך די האפן פאר שיפלעך. די וואסער רייניגונג פלאטע וועט באשטיין פון א הײדראלישע גראבנדע מאשין אויסגעשטאט מיט GPS, שטייענדיג אויף א שיף, ארויסגראבנדיג א געשאצטע 1,600 קיוביק יאַרדס. די ארויסגעגראבענע סעדימענט זאמד וועלן אנגעלאדנט ווערן אויף טראקס צו אויסטרוקענען און צייטווייליג געלייגט ווערן אויפן בארטן. נאכן אויסטרוקענען וועלן די סעדימענט זאמד אריבערגעפירט צו אן איינריכטונג אין אייגנטום פון ניופעין טאַון פאר שפעטערע באנוץ.

ביז היינט האט די סטעיט פארענדיגט REDI 14 וואסער רייניגונג פראיעקטן, און ארויסגענומען בערך 61,000 קיוביק יאַרדס פון סעדימענט זאמד כדי צו גיבן פאר פארוויילונגס שיפער זיכערע צוטריט צו לעיק אָנטאַריאו און צו די סעינט לאורענס ריווער. פארענדיגטע וואסער רייניגונג פראיעקטן רעכענען אריין פאָרט בעי, בליינד סאָודוס בעי, איסט-בעי, ביער קריק און פולטניוויל אין וועין קאונטי, סענדי פאָנד אינלעט און סעלמאן ריווער/פאָרט אנטעריאָו אין אסוועגא קאונטי, אייראַנדעקוי בעי, ברעדאָק בעי און סענדי קריק אין מאנראו קאונטי, ליטל סאָודוס בעי אין קאַיוגע קאונטי, גאָלדען היל סטעיט פארק אין ניאגארא קאונטי, אָוק ארטשערד אין ארליענס קאונטי און די הענדערסאן "די קאָט" אין דזשעפערסאן קאונטי.

אלע וואסער רייניגונג אקטיוויטעטן זענען אנגעוויזן אויף גינסטיגע וועטער און וואסער אומשטענדן.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער און REDI קאמיסיע קאָ-טשעיר, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "מיט די אנטשלאסענע שטיצע פון גאווערנאר האוקאל, ארבעט די באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג צוזאמען מיט קאמיוניטיס וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען ווי ניופעין טאַון צו פונדאסניי אויספלאנירן אונזער אינפראסטראקטור און צוריקבויען קאמיוניטי פארמעגנס. די אלקאט האַרבּאָר כוואליע-ברעכער פראיעקט וועט שטופן פאר עקאנאמישע וואוקס אין די קאמיוניטי בשעת'ן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער וועלכע וואוינען לענגאויס די ברעגעס."

**סטעיט פארקס קאמישאנער עריק קאָלעסייד האט געזאגט,** "פארוויילונג שיפלען און פישעריי זענען קריטיש פאר די לאקאלע טוריזם עקאנאמיע און פאר די קוואליטעט פון לעבן אין לעיק אָנטאַריאו קאמיוניטיס. די ארבעט פון ניופעין טאַון צו באשיצן אלקאט האַרבּאָר וועט מאכן די פאפולערע לעיק אָנטאַריאו דעסטינאציע זיכערער און מער הנאה'דיג פאר איינוואוינער און באזיכער."

**דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט ( Dormitory Authority of New York State, DASNY) פרעזידענט און CEO, רעאובען מקדעניעל III, האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו

שטיצן גאווערנאר האוקאל'ס חזון צו פארזיכערן קאמיוניטיס און וויכטיגע רעסארסן ווי די אלקאט האַרבּאָר פון שווערע וועטערס. די האפן איז אן אייגנארטיגע און וויכטיגע פלאץ פאר ניופעין טאַון איינוואוינער, פאר ניאגארא קאונטי ביזנעסער און פאר באזיכער פון איבער גאנץ ניו יארק און ווייטער, יעצט און פאר די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) עקטינג עקזעקיוטיוו דעפּיוטי קאמישאנער, ראסלין וואַטראָבסקי, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון REDI פראיעקטן אין קאמיוניטיס לענגאויס די לעיק אָנטאַריאו און סעינט לאורענס ריווער איז עפעס וואס ניו יארק סטעיט און אונזערע שותפים אין די לאקאלע רעגירונגען קענען זיין שטאלץ פארן ערווייבן. די גאר וויכטיגע ארבעט וועט בענעפיטירן די עקאנאמיע, היטן אויף אונזער ענווייראמענט און גיבן שוץ קעגן צוקונפטיגע פארפלייצונג."

**סענאטאר ראבערט אָרט האט געזאגט,** "די וועלכע וואוינען און ארבעטן ארום אלקאט האַרבּאָר זענען נישט קיין פרעמדע צו די שאדן און חורבן וואס די הויכע וואסערן פון לעיק אָנטאַריאו קענען פאראורזאכן. זינט 2019 האבן לאקאלע איינוואוינער און רעגירונג בעאמטע געארבעט צוזאמען מייט ניו יארק סטעיט און מיט די REDI קאמיסיע צו פארזיכערן די זיכערהייט און שאדן פארמינערונג מאסנאמען אריינגעלייגט אויפן פלאץ צו פארמיידן די זעלבע מאס פון שאדן וואס מיר האבן געזען אין די לעצטיגע יארן. איך בין באגייסטערט צו זעהן די פארענדיגונג פון די גאר-נויטיגע פראיעקטן, און איך טוה אפלאדירן אלע וועלכע זענען געווען פארמישט וועלכע האבן געהאלפן דאס מאכן א רעאליטעט."

**אסעמבלימאן מייקעל נאריס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט מיט גאווערנאר האוקאל און מיט די לעיק אָנטאַריאו באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיסיע צו ברענגען קריטיש וויכטיגע אינפראסטראקטור פראיעקטן און געלטער וועלכע וועלן ווידער באפעסטיגן אונזערע ברעגעס און באשיצן אונזערע איינוואוינער, ביזנעסער און קאמיוניטי פארמעגנס פון צוקונפטיגע הויכע וואסער שטאפלען. די אלקאט פארט פראיעקט (Olcott Marina Project) וועט העלפן באשיצן און היטן אויף די ניופעין טאַון פארט, אלקאט יאכט קלאָב, Hedley Boat Co, McDonough Marine און עטליכע פריוואטע היימער. דאס איז אמת'דיג א טראנספארמאטיווע פראיעקט וועלכע וועט האבן פאזיטיווע השפעות אויף פילע צוקונפטיגע דורות. איך בין דאנקבאר פאר די מיטארבעט און אנטשלאסנקייט פון גאווערנאר האוקאל, סענאטאר ארט, טאַון סופּערווייזאר טים הארענבורג און אזוי פיל לאקאלע און סטעיט בעאמטע וועלכע האבן געמאכט די וויכטיגע עקאנאמישע און טוריזם אינוועסטירונג פאר א רעאליטעט."

**טשעירמאן פון די ניאגארא קאונטי לעגיסלאטור רעבעקא ווידיש האט געזאגט,** "די אלקאט האַרבּאָר כוואליע-ברעכער פראיעקט איז א ביישפיל פארוואס די REDI פראגראם איז געמאכט געווארן, אזוי ווי מיר טוהען נישט נאר פארערעכטן שאדן פון לעיק אָנטאַריאו פארפלייצונג, נאר מיר נוצן אויך אויס די געלעגנהייט צו בויען פאר די צוקונפט און עפענען נייע מעגליכקייטן. די רעזולטאט וועט האפנטליך מיינען א לענגערע סעזאן ווען מען קען פארן אין די וואסער און פארמערטע עקאנאמישע אקטיוויטעטן. איך וויל אנערקענען די ארבעט פון מיין קאלעגע, לעגיסלאטאר דזשאַן סירעקיוז און ניופעין סופּערווייזאר טים האָרענבורג וועלכער האט געארבעט פון די נאענט מיט סטעיט בעאמטע צו דורכפירן די כוואליע-ברעכער פראיעקט. און פאר די קאנטראקטארס און ארבייטער וועלכע האבן געארבעט אויף די פראיעקט וויל איך זאגן: איר האט געמאכט אן אויסגעצייכנטן ארבעט."

**ניופעין טאַון סופּערווייזאר האָרענבורג האט געזאגט,** "אלקאט האַרבּאָר איז באטראפן געווארן דורך אויפשטייגנדע וואסער שטאפלען און שווערע כוואליעס פאר יארן. די היסטארישע פארפלייצונג פון 2019 האט אנגעמאכט חורבנות אויפן האפן. דורך די סטעיט'ס REDI פראגראם, האבן מיר עמטליך געקענט בויען די קריטישע כוואליע-ברעכער, קריטיש צו באשיצן די איינוואוינער און ביזנעסער וועלכע האבן אויפגעשטעלט זייער היים לענגאויס די האפן בארטן, און עס וועט ערלויבן אלקאט האַרבּאָר צו בלייבן א

זיכערע האפן פאר שיפלער. איך וויל באדאנקען גאווערנאר האוקאל פאר איר געטרייע שטיצע פון די כוואליע-ברעכער פראיעקט און פאר איבערגעגעבנקייט צו די לעיק אָנטאַריאו ברעגע קאמיוניטיס, ווי ניופעין טאַון."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, צוזאמגעשטעלט פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס) זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-געשטיצטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, ארייננרעכענענדיג 85 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 20 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 29 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418